# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



קרח
תש"פ לפ"ק
גליון קכ"ה

## פראגע

### פארוואס איז זיך געקומען פאר קרח אזא געפערליכער שטראף?

## ענטפער:

און דער ענטפער איז אזוי: ווען מען טוט א טובה פאר אן אנדערן איד, גיבט דער אויבערשטער שכר, נישט קיין חילוק ווער דער איד איז. אבער לאמיר זאגן אז דער אנדערער איד איז זייער א גרויסער צדיק, באקומט מען **אסאך מער** שכר.

איך געדענקט ווען יתרו האט געהערט ווען א "מצרי" וואס האט געהאלפן זיינע טעכטער? "איש מצרי הצילנו" – ער האט אונז געראטעוועט, האבן זיינע טעכטער געזאגט. "א מצרי האט אונז ארויסגעהאלפן." האט יתרו געזאגט "קראן לו ויאכל לחם" – רופט אים אהער; לאדנט אים איין צו עסן." יתרו האט נישט געוואוסט ווער ס'איז געווען; ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז משה רבינו, אבער עס שטייט אז וויבאלד יתרו האט געגעבן צו עסן ברויט פאר משה, איז ער אויסטערליש באלוינט געווארן לעולמי עד. ווייל אויב מען טוט א חסד צו א גרויסן מענטש, ווערט מען גאר רייך באלוינט דורך השי"ת.

איז לאמיר זאגן, דו האסט א דאלאר צו געבן פאר צדקה. דו קענסט עס געבן צו אן ארימער איד אויפ'ן גאס, אדער קענסטו עס געבן צו אן ארימען בן תורה. א בן תורה איז סך וויכטיגער. איך האב אמאל געהערט א מענטש זאגן, "פארוואס עפעס געבן פאר א בן תורה? דו ביזט פּאַרטייאיש צו בני תורה?" און דער ענטפער איז יא, מיר זענען פארטייאיש צו בני תורה. אויסדרוקליך! ווייל הקב"ה איז פארטייאיש צו זיי.

איך געדענק ס'איז געווען א גרויסע טענה'רײ קעגן די ראשי ישיבות. אין די צייטן פונעם "ועד הצלה" ווען זיי האבן געראטעוועט אידן פון אייראפע, האבן די ראשי ישיבות אריבערגעברענגט בני תורה. האט מיר א מענטש געזאגט, "די ראשי ישיבות זענען פארטייאיש צו בני תורה, וועגן דעם ברענגען זיי נאר בני תורה."

האב איך געזאגט, "וועם דען זאלן זיי ברענגען?! אודאי די בני תורה! אויב מען האט נאר עטליכע וויזעס צו ראטעווען לעבנס, קיין שום פראגע, זיי זענען די ערשטע! וואס איז די שאלה?! דער אויבערשטער וויל זיי."

און די זעלבע איז פארקערט, אויב דו ווילסט זיך אנהייבן מיט א גארנישט, אויב דו רעדסט לשון הרע אויף סתם א מענטש, ס'איז נישט ריכטיג; ס'איז א חטא. אבער אויב דו רעדסט לשון הרע אויף א צדיק?! אה ניין, עס איז **אסאך ערגער**! "שונאי צדיק יאשמו" – אויב מען האט פיינט א צדיק, ווערט מען געהאלטן זייער זייער שולדיג.

איז אויב דו ווילסט רעדן לשון הרע – אודאי איז בעסער נישט צו זאגן גארנישט – אבער אויב דו מוזט, קלויב אויס די באמס. קלויב נישט אויס קיין צדיקים. וועל נישט אויס קיין פרומע אידן. "ועמך כולם צדיקים". אלע חרד'ישע אידן זענען צדיקים. חרד'ישע אידן זענען זיך מוסר נפש פאר די תורה. עס קאסט זיי שכר לימוד פאר זייערע קינדער. זיי וואלטן זיי געקענט שיקן אין פובליק שולע. זיי ארבעטן שווער צו באצאלטן א גרויסע סומע געלט פאר שכר לימוד, און עס קומט זיך זיי קרעדיט דערפאר. "ועמך כולם צדיקים" – דאס אידישע פאלק פון פרומע אידן זענען אלע צדיקים. רעד נישט אויף קיין אידן – ניין!

און וועגן דעם ווען קרח האט זיך אנגעהויבן מיט משה רבינו האט ער אויסגעוועלט דעם סאמע ערגסטן קעגנער מיט וועם עס לוינט זיך אנצוהויבן. אויב וואלט ער זיך געקריגט, לאמיר זאגן, מיט עפעס א קליינעם אידל דארט, אויף דעם 'בן איש מצרי' – עס איז געווען אן איש מצרי וואס האט געהאט א זון דארט; וואלט ער זיך אנגעהויבן מיט אים, וואלט עס נישט געווען קיין מצוה, אבער ער וואלט נישט געדארפט אנקומען אין דער ערד. אבער ווייל ער האט זיך

אנגעהויבן מיט משה רבינו און גערעדט קעגן אים – און ער האט אים דן געווען לכף חובה – דאס איז געווען א גאר ביטערער טעות. (950#)

**פראגע**

## דער רב האט גערעדט היינט וועגן די וויכטיגקייט פון האבן א מח וואס איז פול מיט תורה-בילדער. וויאזוי ארבעט מען אויף דעם כח הציור? וויאזוי קען מען אויפבויען ציורים אינעם מח?

## ענטפער:

דער ענטפער איז אז מען לערנט דורך ערפארונג, דורכ'ן **פראקטיצירן**. לאמיר זאגן דו ווילסט באשאפן א בילד אין דיין מח פון וואס ס'איז געשען צו קרח; איז די קומענדיגע מאל דו גייסט אויפ'ן גאס און דו זעסט א טיפן גרוב – לאמיר זאגן אז די געז-ארבייטער גראבן א טיפן לאך אריינצולייגן א נייעם פייפ –ווען דו גייסט אריבער זאלסטו טראכטן, "וויאזוי וואלט עס געפילט אויב א מענטש וואלט אריינגעלייגט געווארן אין דעם גרוב און די בולדאוזער וואלט ארויפגעשטיפט אלע זאמד אויף אים און אים באגראבן לעבעדיגערהייט?" ס'איז נישט קיין פאן! ס'איז גארנישט געשמאק.

יעצט לאמיר זאגן דער גרוב איז זייער טיף – ס'איז טיף, און נאך טיפער און טיפער – און דו ווייסט אז ס'איז אן איין-וועג רייזע, איז עס בכלל נישט קיין פאן! און יעצט פליעט קרח אריין אין דעם לאך. זיי זיך מצייר אין דיין מח וויאזוי קרח "דייווט" אראפ אין דעם לאך. אוי, נעבעך, דער נעבעכדיגער קרח. אוי – אויב וואלט ער נאר תשובה געטון א סעקונדע פריער; אויב וואלט ער ווען אנגעהויבן שרייען א מינוט פריער "משה אמת ותורתו אמת – משה איז אמת און זיין תורה איז אמת און איך בין דער שקרן", וואלט ער ווען געראטעוועט געווארן.

אבער ניין! "יצאו נצבים" – זיי זענען ארויסקומען מיט חוצפה ביזן לעצטן מינוט.

צי ווייסט איר וואס ער טוט יעצט אין גיהנם? דארט פרובירט ער צוריקצובאקומען דעם לעצטן מינוט און ער שרייט, "אוי! משה אמת ותורתו אמת!!"

רבה בר בר חנא האט איינמאל געהאט א מראה. ער האט געזען א מראה פונעם גיהנום; וויאזוי די גיהנם קאכט ווי א טאפ. און אינעם טאפ איז אסאך מאל די עסן אונטן און אסאך מאל איז די עסן אויבן, לויט די באוועגונגען פון די וואסערן. אזוי איז אסאך מאל קרח אונטן פונעם גיהנם און אסאך מאל אויבן. און די קאכעדיגע וואסער האט אים ארויפגעברענגט צום אויבן פונעם גיהנם, און רבה בר בר חנא האט געהערט קרח שרייט ארויס אין פארצווייפלונג. ער שרייט אזוי אן אויפהער. ס'איז שוין טויזנטער יארן זינט דאן און ער שרייט נאך אלץ, "משה אמת ותורתו אמת!" ווייל ער וויל צוריקבאקומען זיין לעצטן מינוט. אבער ס'איז שוין צו שפעט. וואלט ער עס געטון **איין מינוט בעפאר**, וואלט ער געראטעוועט געווארן.

דאס איז בלויז איין דוגמא וויאזוי מען בויט אויף א **ציור**. דו דארפסט טראכטן דערוועגן און עס אויסמאלן אין דיין מח מיט דעטאלן און עס איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, און צוביסלעך באקומט דיין מח א בילד: איז נישט בעסער פאר יעדן צו זאגן נאך אויף **דער** וועלט "משה אמת ותורתו אמת", אנשטאט זיין א ליבעראל, א רשע, און אגאנץ לעבן איז ער א כופר און דערנאך ווען ער איז טויט איז שוין צו שפעט; און ער וועט שרייען אין פיין אויף אייביג, "איי איי איי! יעצט ווייס איך אז משה אמת ותורתו אמת! הלואי וואלט איך געקענט זאגן די ווערטער ווען איך האב געהאט א בחירה." אבער ס'איז צו שפעט. בחירה איז בלויז אויף דער וועלט.

אויב מען ארבעט אויף ציורים דורכ'ן איבערטראכטן און עס אויפלעבן מיט'ן צולייגן דעטאלן, און מען טוט עס איינמאל און נאכאמאל, איז "הבא לטהר מסייעין אותו" – דער אויבערשטער וועט העלפן די וועלכע העלפן זיך אליינס, און דו וועסט קענען מאכן עכטע ציורים אין דיין מח. (501#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס״ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




## ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב